מוזן מיר מורא האָבן פֿאַר דעם המון; וואָרום
אַלע האַלטן יוחנן פֿאַר אַ נביא. און זיי האָבן 27
ענטפֿערנדיק געזאָגט צו ישוען: מיר ווייסן נישט!
האָט ער אויך צו זיי געזאָגט, זאָג איך אייך אויך
נישט, מיט וואָס פֿאַר אַ רשות איך טו די דאָזיקע
זאַכן. וואָס אָבער מיינט איר? אַ מענטש האָט געהאַט 2
צוויי קינדער; און ער איז צוגעגאַנגען צו דעם
ערשטן, און געזאָגט: מיין קינד, גיי אַרבעט הײַנט
אין ווייַנגאָרטן. און ער האָט ענטפֿערנדיק געזאָגט: 2
אָט בין איך, האַר! און איז נישט געגאַנגען! און ער 3
איז צוגעגאַנגען צו דעם צווייטן און האָט געזאָגט
דאָס זעלביקע. דער אָבער האָט געזאָגט: איך וויל
נישט! דערנאָך האָט ער חרטה געהאַט, און איז
געגאַנגען. ווער פֿון די ביידע האָט געטון דעם 3
פֿאָטערס רצון? זאָגן זיי: דער לעצטער. זאָגט ישוע
צו זיי: באמת זאָג איך אייך, אַז די שטייער־
אויפֿמאָנער און די זונות גייען אַרייַן פֿאָרויס פֿאַר
אייך אין דעם קעניגרייך פֿון ג־ט. וואָרום יוחנן 3
איז געקומען צו אייך אויף דעם וועג פֿון גערעכטיקייט
און איר האָט נישט געגלייבט אין אים. די שטייער־
אויפֿמאָנער אָבער און די זונות האָבן אים יאָ גע־
גלייבט, און איר, הגם איר האָט עס געזעען, האָט אַפֿילו
שפּעטער נישט חרטה געהאַט, כדי אים צו גלייבן.
הערט אַן אַנדער משל: עס איז געווען אַ מענטש, 3
אַ בעל־הבית, וואָס האָט געפֿלאַנצט אַ ווייַנגאָרטן,
און האָט אים אַרומגערינגלט מיט אַ צוים, און
געגראָבן אַ קעלטער אין אים, און געבויט אַ טורעם,
און האָט אים פֿאַרדונגען צו גערטנער, און איז
אַוועקגעפֿאָרן. און ווען עס האָט זיך דערנענטערט 3
די צייט פֿון פּירות, האָט ער געשיקט זייַנע קנעכט
צו די גערטנער אָפּצונעמען זייַנע פּרוכטן. און די 3